בהשגחת ב״ד המיוחד לעניני כשרות
שע״י התאחדות הרבנים דארה״ב וקנדא
CRC OF THE UNITED STATES AND CANADA

# הכשרות

אינפארמאציע, ידיעות און הוראות בכל עניני כשרות המאכלים

ארויסגעגעבן דורך די ״מחלקת הכשרות
שע״י התאחדות הרבנים דארה״ב וקנדא״

בס״ד

## דבר המערכת

# ושוב שנית לקדשה.

מיט שבח והודאה להשי״ת איז אונז ווידעראמאל א כבוד און שמחה פארצושטעלן פאר׳ן ברייטן ציבור, אידן מדקדקים ושוחרי כשרות למהדרין הע״י, דעם צווייטן אויסגאבע פונעם גליון ״הכשרות״.

די פאזיטיווע אפקלאנגען וואס האט זיך געהערט זינט די ערשיינונג פונעם ערשטן ״הכשרות״ בלעטל, האבן נישט געלאזט קיין צווייפל איבער דאס נחיצות פון אזא סארט קביעות׳דיגע כשרות בולעטין. עס האט געדינט אלס די שטערקסטע עדות איבער די געוואלדיגע אינטערעסע וואס איז פארהאן אויף די היימישע גאס צו הערן מער און זיך באקענען נאנטער מיט אלעם וואס איז נוגע די טעמעס פון כשרות והמסתעף.

די מערכת ״הכשרות״ האט ב״ה צוריק געהערט פון אלע זייטן די גינסטיגע גריסן. דערונטער האבן מערערע מביני מדע, יראי ה׳, ובעלי בתים נאמנים ווארעם באגריסט דעם שיינעם רעיון, און אויסגעדריקט זייער האפענונג אז דער גליון זאל ווייטער דינען ווי דער שופר פאר קאמפראמיסלאזע כשרות, און גלייכצייטיג ערשיינען ווי א באזע פון אויפריכטיגע אינפארמאציע להחיות בהם נפש חי.

באזונדער איז ווירקליך אנטשטאנען בעז״ה אן אויפוואכונג אויף פארשידענע וויכטיגע ידיעות וואס איז ערוועגט געווארן אינעם פריערדיגן גליון, א שטייגער ווי

(פארזעצונג אויף זייט 7)

חדשות בעולם הכשרות:

רויעל כשר מיעט

Royal Meat

דבר הלכה:

בענין בישול עכו״ם



עומד על הפרק:





# לְקַיֵּם אֵת יְמֵי הַפֻּרִים הָאֵלֶּה!

דער פרייליכער יום טוב פורים איז שוין אט אט עומד אחר כותלינו. דערמיט קומען מיט די מצות חביבות פון משלוח מנות און סעודת פורים, וואס ווערן געפראוועט בכל דור ודור משפחה ומשפחה, מתוך שמחה וטוב לבב.

עס איז באקאנט די הייליגע ווערטער פון ספה"ק יסוד יוסף, וואס איז מבאר דעם ענין פונעם צום תענית אסתר וואס איז נקבע געווארן דורך חז"ל הארט איידער דעם יום טוב פורים, ווייל דאס איז א זמן מסוגל מתפלל צו זיין אז דער פורים זאל טאקע זיין א "כשר'ן פורים", און פאריבערגיין מיט'ן גרעסטן זהירות און ערליכקייט, ווי עס איז ראוי פאר אזא גרויסן זמן.

איבערהויפט איז נוגע אט די זהירות ביים ענין פון מאכלים וסעודות. אזוי געפינען מיר אז איינע פון די חטאים וואס האט גורם געווען דעם גרויסן קטרוג בימי מור והדס איז געווען דער ענין פון "שנהנו מסעודתו של אותו רשע", און עס איז מבואר אין מדרש (ילקוט שמעוני אסתר א' רמז תתרמ"ח) א"ר שמעון בן יוחאי מכאן שאכלו בשולי כותים בעל כרחן וכו', אז אידן זענען ענדגילטיג נכשל געווארן מיט מאכלות אסורות וואס האט געברענגט דעם חרון אף בשמים.

ס'איז פארשטענדליך אז קיינער וויל נישט חלילה נכשל ווערן אין די זמני קודש מיט צווייפלהאפטיגע עסנווארג און פראדוקטן, אבער פארט מאכט זיך אז צוליב די טירדות היום, נעמט מען נישט אין אכט אויף געוויסע מאכלים וואס מען באקומט אין משלוח מנות וכדו', עס איז וויכטיג צו האלטן די אויגן אפן מיט א זהירות אין די ענינים.

איז דעריבער אצינד א דבר בעתו צו ערוועגן אייניגע דעטאלן ארום פארשידענע פראדוקטן וועלכע זענען כדאי קענטעניס צו נעמען לקראת ימי הפורים הבעל"ט.

## משלוח מנות

ווען מען ערהאלט "משלוח מנות" איז שטענדיג ראטזאם נישט זיך צו פארלאזן מיט בלינדע אויגן אויף דעם באזיס, אז דער "משלח" איז אן ערליכער היימישער איד. מען זאל זיכער מאכן אויף אלע פראדוקטן אז זיי פארמאגן פארלעסליכע הכשרים מומחים, ווייל אויך ביי אזעלכע 'איינפאכע' נאשערייען ווי קענדי'ס, טשאקאלאד, מזונות, א.א.וו. וואס קען זיך צומאל דאכטן אז דאס האט ניטאמאל צופיל באשטאנדטיילן, האבן אבער צומאל ערנסטע חששות אין מערערע געביטן פון כשרות. (דער טערמין "איינפאכע" איז, אגב, נישט דאס ריכטיגע אויסדריק, וויבאלד אינעם פעלד פון כשרות איז נישט פאראן איינפאך... יעדע פראדוקט קען אנטהאלטן שטארקע חששות, און די פראדוקציע פון סיי וועלכע עסנווארג איז פארבינדן מיט אסאך פארצווייגטע דעטאלן וואס דארף אן השגחה מעולה.) אין אפילו געבעקסן וכדו' וואס זענען געמאכט געווארן "היימיש" אין שטוב, דארף מען אויך וויסן צו די אינגרידיענטס זענען נישט פון שוואכע הכשרים.

ס'איז וויכטיג צו געדענקן אז א פראדוקט וואס האט בלויז א שוואכע השגחה, איז געווענליך פאראן א סיבה פארוואס עס פארמאגט בלויז אט די השגחה... אפט קענען אזעלכע פראדוקטן זיין פארבינדן מיט פת עכו"ם, בישול עכו"ם, חלב עכו"ם, און דער גאנצער יסוד פונעם הכשר איז געבויט אויף היתרים קלושים פון "ביטולים", "פגום", "הפסד מרובה" א.ד.ג. וואס זענען געוויס ווייט פון א לכתחלה פאר אידן מדקדקים וועלכע ווילן נישט פיטערן זיך און די שטוב מיט אזעלכע סארט היתרים.

דאס איז אייגנטליך דער שענסטער חינוך וואס עלטערן קענען געבן פאר די יונגע קינדער אז אויך ווען מען באקומט אזויפיל נאשעריי און מעדנים פון אלע זייטן, דארף מען אכט געבן וואס מען נעמט אריין אין מויל, און האבן פרינציפן מיט השגחות וואס איז ערלויבט צו עסן און וואס נישט. א זאך וואס וועט זיי בעזו"ה באגלייטן לאורך כל ימיהם.

## וויין

פורים איז דאך דער יום טוב פון וויין כמצות חכמינו ז"ל. אין דעם גרויסן אויסוואל פון אלערליי ווייגען, זאל מען נישט פארגעסן אז נישט יעדער וויין מיט א הכשר איז טאקע כשר לכתחלה... עס זענען פאראן פילצאליגע שאלות ביי דעם גאנצן פראצעדור פון מאכן וויין, וואס דארף באגלייטן ווערן מיט א השגחה מעולה מתחלתה ועד סופה.

(פארזעצונג אויף זייט 7)

# דבר הלכה

## בענין בישול עכו"ם




### ירקות מרוסקים ומבושלים, שמייצרים לצרכי קטנים:

**צריכין** ליזהר ולהקפיד על דברים אלו שיהיו רק עם הכשר מעולה ובר סמכא, כי מלבד החששות שיש בזה אודות בליעת איסור בהכלים, היות שמבשלים שם גם בשר נבילה וטריפה וצריכין הגעלה יסודית כדת וכדין, עוד יש להקפיד ולהדר שייעשה על ידי בישול ישראל דייקא.

**הנה** בחולה שאין בו סכנה קיימא לן (או"ח סי' שכ"ח סעי' י"ט) דבשבת מותר בבישולי עכו"ם, ועל כן התירו לומר לנכרי לבשל עבור חולה הצריך לכך.

**אמנם,** זאת צריך למודעי דהא שהתירו בחולה שעכו"ם יבשל עבורו, זה דווקא שיבשל בשבת (ומה שנשאר מזה למוצאי שבת אי מותרין לאוכלו עיין בזה במשנ"ב שם ס"ק ס"ג), אבל בחול אסור לחולה לאכול בישול עכו"ם אף במקום שאין לו ישראל שיבשל עבורו, וכמבואר שם בפמ"ג (א"א סקי"א, מ"ז סק"ו וסקי"ד) ובלבוש (שם סעי' י"ט) והעתיקו בדעת תורה ובכף החיים (שם), וכן בחיי אדם כלל ס"ט דין ט"ז, ובנשמת אדם אות ג', דלא שאני בישול עכו"ם משאר איסורי דרבנן שאסור לחולה וכמבואר ביו"ד סי' קנ"ה, דלא הותר לחולה שאין בו סכנה לאכול דבר האסור מדרבנן אף במקום שאי אפשר בהיתר.

**והנה** בפשטות הוה לן למימר כי הוא הדין בקטן שאסור בבישול עכו"ם כפי מה דקיימא לן (סי' שכ"ח סעי' י"ז) דסתם צרכי קטן כחולה שאין בו סכנה דמי, אבל מבואר בפמ"ג (סי' שכ"ח א"א סקט"ו) דעל אף דבגדול בחולה שאב"ס אסרו לו לאכול איסור דרבנן, בקטן הקילו במקום שאי אפשר בהיתר וכמבואר במג"א (סי שמ"ג סק"ג) דאם הקטן צריך לכך מותר להאכילו איסור דרבנן בידים.

**היוצא לנו מזה:**

**א.** בגדול בחולה שאין בו סכנה: בשבת התירו לו לאכול בישולי עכו"ם, אבל בחול {וכן הדין ביו"ט} אסור לו בישולי נכרי, אף שצריך לכך ואין לו ישראל שיבשל עבורו.

**ב.** בקטן הצריך לכך ואי אפשר ע"י ישראל הקילו בו, "אמנם במקום שאפשר להשיג בישול ישראל בוודאי אין מקום להקל", ברם בנוסף להענין של בישול עכו"ם הרי כמוזכר לעיל כרוך בזה עוד חששות של בליעת איסור בהכלים, על כן אין להשתמש רק אם יש לזה הכשר מעולה.

---

פסקי הלכות אלו נקבצו מתוך שיעורים הקבועים של הרב הגאון הצדיק המפורסם רבי **הילל וויינבערגער** שליט"א, אבד"ק **סערדאהעלי**, ודומ"ץ **נייטרא**, חבר **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות"**

השיעורים מתקיימים תמידים כסדרן בלשכת 'התאחדות הרבנים' לפני המשגיחים החשובים במסגרת מחלקת הכשרות שע"י התאחה"ר, לדון ולברר דינים והלכות הנוגעים בכשרות המאכלים

# כשרות בליען!

## פירות שמיטה אלערט

די מארקעט איז אין די לעצטע תקופה פארפלייצט מיט טענזשערינס (Tangerine) וועלכע זענען אימפארטירט געווארן פון ארץ ישראל, די פירות זענען פון פאראיאר וואס איז געווען א שנת השמיטה און זענען דעריבער אן ערנסטע מכשול לרבים. עס איז אפילו פארהאן אויך אזעלכע פעקלעך וועלכע האבן א הכשר, אבער זענען נתברר געווארן אז דאס איז פאלש, און די כשרות ארגאניזאציע האט נישט געגעבן דערויף קיין השגחה.

עס איז זייער וויכטיג אכט צו געבן ווען מען קויפט טענזשערינס אין די אלגעמיינע געשעפטן, אז דאס זאל נישט זיין פון ארץ ישראל, כדי נישט נכשל צו ווערן חלילה מיט די איסורי שמיטה החמורים.

## תולעים אין קמח ישן

די וואס זענען מקפיד אין דעם יעצטיגן סעזאן, זיך צו באנוצן נאר מיט 'קמח ישן', זאלן וויסן אז זייער אסאך פון די ישן מעהל זענען היי-יאר זייער ווערמדיג. עס פעלט זיך אויס א זהירות גוט דורכצוזייען די מעהל, און זיכער מאכן אז די ישן האבן נישט קיין חששות פון תולעים.

אין די בעקערייען אונטער די השגחה פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" שטייען די משגיחים כסדר על המשמר, אז מען זאל בלויז נוצן פרישע קמח ישן, און זיפן די מעהל כהלכה, עס זאל חלילה נישט זיין קיין יצא שכרו בהפסדו.

## תולעים אין "בעי ליעף" BAY LEAF



מיר האבן געפינען 'ווערים' (סקעילס- Scales) אויף די געטריקענטע 'בעי ליעף', וואס קומט נישט אראפ מיט'ן וואשן.

די הוראה פון "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" איז אז איידער מען וויל דאס נוצן, זאל מען גוט באקוקן די בלעטער אייניציגווייז, דורכגיין יעדע בלעטל באזונדער צו פארזיכערן אז עס איז ריין.

# כשרות נייעס:

## גליון מיוחד לחמשה עשר בשבט:




ס'איז מיט אנערקענונג באגריסט געווארן די ערשיינונג פונעם ספעציעלן גליון כשרות וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך די מחלקת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים, לרגל יום חמשה עשר בשבט כמדי שנה בשנה, מיט קראנטע און צייטליכע אינפארמאציע איבער אלערליי פירות און תולעים וואס איז נוגע בכל ימות השנה איבערהויפט אין די טעג פון חמשה עשר בשבט.

דער גליון געדרוקט אין א באקוועמע פארמאט מיט נוצליכע ידיעות, איז א מלאכת מחשבת, וואס ווערט באארבעט דורך די משגיחים מומחים אינערהאלב דעם מחלקת הכשרות, וועלכע זענען עוסק במשך דעם גאנצן יאר בלי ליאות, מיט א גרינטליכע מומחיות אין דעם פעלד פון תולעים אין אלערליי מינים פירות וירקות. און לעת תקופת השנה טיילן זיי מיט פאר'ן ציבור די פרישע דעטאלן ארום די פארשידנארטיגע תולעים, און די זהירות וואס ברויך אונטערגענומען ווערן נישט חלילה נכשל צו ווערן באיסורים חמורים, כפי הוראת הרבנים הגוא"צ חברי "בי"ד המיוחד לעניני כשרות שליט"א".

## ברוך מרחיב גד:

אין א תקופה וואס מען הערט ב"ה פון פרישע חרדי'שע ישובים וועלכע ווערן עטאבעלירט אין בלומינגבורג ניו יארק, לעיקוואוד ניו זשערסי, א.א.וו. איז א דבר בעתו לשאלת הרבים, אויף די פארלאנג פון צוקונפטיגע און יעצטיגע איינוואוינער אינערהאלב די נייע ישובים, צו פארעפענטליכן די נעמען און אדרעסן פון געשעפטן וועלכע זענען עומד תחת השגחתינו המעולה, אין די קעטסקיל בערג בכל ימות השנה, און אין די שטאט לעיקוואוד.

### Lakewood NJ:

Bakery / Cafe

**Lakewood Heimish Bake Shop**
232 2nd Street
Lakewood, NJ 08701

Fish Store:

**The Fishing Line**
Main Store:
6774 Us Highway 9
Howell NJ, 07731

Sections in 3 NPGS Supermarkets
1. 231 Main St
Lakewood, NJ 08701
2. 150 James St
Lakewood, NJ 08701
3. 2080 W County Line Rd
Jackson, NJ 08527

Bakery:

**Classy Cakes**
20 Clifton Ave. S
Lakewood, NJ 08701

**Gelbstein's Bakery**
415 Clifton Ave.
Lakewood, NJ 08701

Tortilla Products:

**Del Campo Tortillas**
117 2nd Streeet
Lakewood, NJ 08701

Baked Goods:

**Barnetts Sweet Creations**
18 Cedar St.
Lakewood, NJ 08701

Smoke Drops:

**Drop Smoke**
143 Bristol Ct.
Lakewood, NJ 08701

**Vaping connection**
424 Ridge Ave
Lakewood, NJ 08701

Nuts:

**Jerusalem Nuts**
15 South Clifton Avenue
Lakewood, NJ 08701

אולם עטרת ריווא:

**Ateres Reva Catering Hall**
500 Summer Ave.
Lakewood, NJ 08701

### אפסטעיט ניו יארק אויך אין די ווינטער חדשים:

### Bloominburg

Pizza Shop/Dairy Restaurant:

**Café au Main**
78 Main Street
Bloomingburg, NY 12721

### Monticello

Bakery:

**Rugelech**
4437 Route 42
Monticello, NY 12701

# מכתבים למערכת

**לכבוד די מערכת פונעם גליון הנהדר "הכשרות" הע"י.**

צום אלעם ערשט וואלט איך זיך געוואלט באדאנקן פאר די ערשיינונג פונעם אינהאלטסרייכן גליון מיט אזויפיל נוצבארע ידיעות, וואס איז בלי ספק א געוואלדיגע נחיצות צו ברענגען צו די אויפמערקזאמקייט פונעם ציבור אן אויפוואכונג בכלליות איבער כשרות.

איבערהויפט איז מיר פערזענליך געווען זייער באלערנד דער מאמר איבער פירות שמיטה אין א שנת מוצאי שביעית. און כ'האב שפעטער טאקע אין אכט גענומען וויפיל א"י פירות און פראדוקטן ווערן אנגעצייכנט אלס "יבול נכרי", וואס אלס בני חו"ל איז דאס נישט קיין לכתחלה.

אין די פאלגענדע שורות וואלט איך געוואלט מיטטיילן א געשיכטע פון אייגענע ערפארונג איבער א זהירות אין די טעמע פון "חלב ישראל" וואס איך האב זעלבסט מיטגעלעבט.

זייענדיג ביי א דאקטער אפיס אין ניו יארק, האט מיר איידער'ן אהיימפארן אנגעכאפט א גאר שטארקע דורשט. כ'האב געזוכט צו קויפן א פלעשל סאדע וואסער אבער ס'איז נישטא צו באקומען אין די געגנט.

אזוי זוכנדיג קומט צו מיר צו א מאדערנער איד און ווייזט מיר אן: "דא האט איר א כשר געשעפט". דער געשעפט האט א גרויסן זיגל מיט אידישע בוכשטאבן, מיט די אויפשריפט דערויף 'כשר למהדרין'. איך בין טאקע אריין אינעם געשעפט, אבער זיי האבן נישט קיין סאדע וואסער, נאר קאווע.

איך האב צוערשט געקלערט צו נעמען א שווארצע קאווע. אבער די העלפערין זאגט מיר: "ראביי מיר האבן 3 סארט אויסוואלן 1)סאו מילך, 2) רעגולער מילך (ד.מ. חלב עכו"ם), 3) און כשר'ע מילך "חלב ישראל".

געמיינט האב איך אז יגעתי ומצאתי... אז מען קען קויפן באזונדער "חלב ישראל" אין קליינע קאנטעינערס, וועל איך קויפן אזא קאנטעטינער. דערווייל ליגן די אבער 3 סארט מילך אין אזעלכע "פישטערס" (pitchers), און ווען איך האב געבעטן "חלב ישראל" האט זי גענומען דעם 'פיטשער' וואס איז געווען שוין כמעט ליידיג, גייט אריין אינעווייניג אין די קאך, און פילט עס אן מיט די א.ג. כשר'ע מילך – "חלב ישראל".

אויף מיין אנפראגע: אפשר איז מעגליך אז איך זאל זען מיט מיינע אויגן, דעם מקור פון די מילך ? ענטפערט זי אז זייענדיג אליין אינעם געשעפט איז איר נישט ערלויבט דאס צו טון. פארשטענדליך אז איך האב שוין נישט אנגערירט די מילך און באין ברירה געטרינקן פשוט'ע וואסער.

די געשעעניש האט מיר געלערנט א וויכטיגע לעקציע אז אויך ווען ס'איז פארהאן א גרויסע רינדיגע כשרות זיגל, מיט'ן סלאגאן "כשר למהדרין", אבער אויב די א.ג. כשרע' מילך – "חלב ישראל" איז אין די הענט פון א גוי'אישע באדינערן, דאן קען דאס אפשר זיין א ספק כשר אבער מעגליך אויך א זיכערע "חלב עכו"ם".

מען דארף וויסן אויב מען קען נישט דעם רב המכשיר, אפילו ווען עס שטייט "כשר למהדרין" און אויפ'ן 'פיטשער' איז אנגעקלעבט א צעטל "חלב ישראל", קען דאס זיין איינפאכע "חלב סת"ם" אדער גאר טריפה'נע "חלב עכו"ם". ושומר נפשו ירחק מזה.

אגב,ביים ארויסגיין האב איך גענומען א בראשור פון די בעקעריי, און ווי ערשטוינט בין איך געווארן, צו אנטפלעקן אז זיי זענען אפן אום שבת קודש. דאס איז געוויס "כשר למהדרין"...

ביטע אריינשטעלן די עטליכע שורות לתועלת הציבור.

ב.ק.; ברוקלין ניו יארק.

**הערת המערכת:** א דאנק פאר די טירחא מיטצוטיילן אייער ערפארונג און די ריכטיגע מסקנת הדברים.

עס דארף נאר אנגעמערקט ווערן אז אין אזעלכע סארט געשעפטן, ברויך מען זיך פארמיידן פון טרונקן, אויך ווען מען זעט קלאר אז ס'איז פארהאן "חלב ישראל" מיט א גוטן הכשר.

די כלים פון די געשעפטן זענען פול מיט בליעות איסור פון חלב עכו"ם, זינט מען מישט דאס אויס כסדר און מען וואשט דאס צוזאמען, וואס באדייט אז אלע כלים זענען טריפה, אויך ווען מען טרונקט דאס מיט כשר'ע מילך.

פאר אנפראגעס, קאמענטארן און בריוון צו די רעדאקציע קענט איר זיך פארבינדן דורך:
Fax: 718.486.5574 Tel: 718.412.8532
E-mail: Hakashrus@gmail.com



# רויעל כשר מיעט

**"רויעל כשר מיעט"** שטעלט מיט זיך פאר אן אויפגייענדע סימבאל פון גלאט כשר פלייש בתכלית ההידור והכשרות פאר די ברייטע אידישע מארקעט, אונטער די שטרענגע השגחה פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא.

ארום א יאר צוריק האבן זיך די אייגנטומער פון די **"רויעל כשר מיעט"** געווענדן צו דעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות", אז זיי זענען גרייט צוצושטעלן גלאט כשר פלייש מיט אלע חומרות והידורים אויפ'ן העכסטן שטאפל אונטער די השגחה פון "התאחדות הרבנים".

די רבנים הגאוה"צ שליט"א פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" האבן זיך דאן אריינגעווארפן צו ברענגען דעם ענין לידי גמר אויפ'ן מהודר'דיגסטן אופן. מען האט אוועקגעשטעלט און קובע געווען יסודות איתנים באגלייט מיט א שטענדיגע השגחה וואס זאל פארזיכערן דעם כשרות הבשר, פון די שחיטה ביז נאך די מליחה וניקור, אז אלעס זאל זיין אויף די בעסטע סטאנדארטן וואס שייך, אויף א ריכטיג פרעצעדענטלאזן פארנעם.

די שחיטה האט זיך אנגעהויבן אויף א קלענערן פָּארמאַט אינעם בית השחיטה אין טאראנטא, קאנאדא, אבער האט זיך גאנץ שנעל אויסגעברייטערט אויך אריבער דעם גרעניץ, אין קאליפארניע, וואו מען שעכט רעגלמעסיג אונטער די אויפזיכט פון גאר חשוב'ע משגיחים מומחים. אזוי ארום אז היינט צוטאג'ס איז פארהאן צובאקומען "רויעל כשר מיעט" פון קאנאדא, און אויך פון קאליפארניע. אמעריקאנער פלייש וואס איז, אגב, ספעציעל בארימט מיט איר אייגנארטיגע טעם און געשמאק.

ס'איז אנגעמערקט געווארן אז געוויס זענען פארהאן אומעטום מערערע קהלות קדושות, וואס שטעלן צו זייערע פלייש פאר דעם ציבור הסרים למשמעתם, יעדע פלייש באנק מיט זייערע חומרות און השגחות, אבער ס'איז אצינד דאס ערשטע מאל וואס עס איז צוגעשטעלט געווארן פאר'ן יהדות החרדית בכלליות, אז אין אלע געגנטער און מקומות, זאל זיין צו באקומען די מערסט מהודר'דיגע פלייש, באגלייט מיט זעלטענע חומרות והידורים עד להפליא.

ולשבחם פון די אייגנטומער זאל ערוועהנט ווערן אז זיי שפארן ווירקליך נישט קיין געלט און קיין טירחא נאכצוקומען אלע הידורים בתכלית, אויך אין באצוג צו אזעלכע ענינים ווי ערגעץ אנדערש איז מען מער מיקל, א שטייגער ווי סירכות וכדו', שטייט מען על המשמר אוועקצושטעלן די כשרות הבשר אויף א הויכן לכתחלה'דיגן ניווא, וואס ווערט פה אחד באוואונדערט דורך אלע יודעי דבר, רבנים מורי הוראה ומומחים בתחום כשרות הבשר, ווי א יחיד במינה אין דעם געביט פון כשר פלייש.


CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A.

הרבנים דארה"ב וקנדא

Kashrus Division

KASHRUS CERTIFICATE

THIS IS TO CERTIFY THAT THE COMPANY:

'ROYAL KOSHER MEAT'

TORONTO, CANADA - CALIFORNIA, USA

THE SCHITAH, NIKUR, SOAKING AND SALTING IS UNDER OUR STRICT RABBINICAL SUPERVISION, AND ARE KOSHER FOR YEAR ROUND AND FOR PASSOVER.

◊ HASHGUCHA IS VALID WHEN EACH BOX/PACKAGE IS SEALED PROPERLY WITH OUR KASHRUS SEAL.

SIGNED: 27TH DAY OF CHESHVON 5776, NOVEMBER 9, '15.
VALID TILL NOVEMBER '16.

RABBI Y. GLICK
RABBINIC ADM.

85 Division Avenue Brooklyn, NY 11211

Tel: 718.384.6765

פאלגענד זענען אייניגע שטריכן איבער די מהודר'דיגע כשר פלייש פון "רויעל כשר מיעט":

## שחיטה

די שוחטים ביי ביידע ערטער זענען אויסגעקליבענע יראים ושלימים העושים מלאכתם באמונה. ביי דעם פלענט אין טראנטא קומען די שוחטים צופארן פון די דערנעבענדיגע מאנטריאל, קיין קאליפארניע פאָרן די שוחטים פון די היימישע ניו יארק. אלע פון זיי זענען אומנים במלאכתם, חסידים ואנשי מעשה ויראי ה'.

## שחיטה ובדיקה

די שחיטה גייט צו מיט א מתינות מיט א ספעציעלע הידור ווען א באזונדערער בודק סכינים שטייט מיט די שוחטים, וואס זיין אייניציגער תפקיד איז איבערצוקוקן די חלפים פאר די שחיטה און נאך די שחיטה פון יעדע בהמה באזונדער.

ביי די בדיקת הראי' ווערט געשטעלט א באזונדערע דגוש אז עס זאל זיין מיט א רואיגקייט אן קיין שום דרוק און לחץ. און נאך די בדיקות נעמט מען טאקע בלויז די בהמות וואס זענען פולקאם גלאט און זענען אויסגעהאלטן לכל הדעות והשיטות בלי שום עיקולא ופשירא, - טראץ וואס מען ברויך אדאנק דעם באזייטיגן סאך א גרעסערע פראצענט פון פלייש.

## ניקור

נאכ'ן אפטיילן די בהמות וואס ווערט געטון אונטער די פולשטענדיגע אבזערוואציע פון די משגיחים, אז אלעס זאל זיין כדת וכדין און נישט אויסגעמישט ווערן. מאכט מען דעם מהודר'דיגסטן אופן פון ניקור, צו פארמיידן אפילו חששות רחוקות פון שאלות חֵלֶב, וואס פאלגט נאך מיט די מליחה והדחה, אלעס בהשגחה תמידיות ומעולה ביותר.

במשך די גאנצע צייט פון די שחיטה איז נתמנה געווארן א מורה הוראה מובהק מטעם הבית דין לעניני כשרות וואס איז עומד על המשמר בקביעות צו פארזיכערן יעדע דעטאל און פרט קטן. אין צוגאב צו די השגחה תמידיות קומען כסדר אויך אריבער די רבנים הגאוה"צ שליט"א, חברי "בית דין המיוחד לעניני כשרות", זיך אומצוקוקן און באטראכטן מיט אן עינא פקיחא דעם גאנצן פראצעדור, און באגלייטן די פראדוקציע, עס זאל ווירקליך זיין הונדערט פראצענט ראוי לעלות על שלחן מלכים בלי שום פקפוק קל.

די "רויעל כשר מיעט" איז דא צו באקומען אין אלע גרעסערע געשעפטן אין די היימישע געגנטער, און צוליב דעם גרויסן פארלאנג ברייטערט מען זיך אויס אין די יעצטיגע טעג צו נאך לאקאלן און געשעפטן, צוצושטעלן פאר'ן ברייטן ציבור מבקשי כשרות דאס שענסטע און בעסטע, ויאכלו ענוים וישבעו.

# עומד על הפרק



(פארזעצונג פון זייט 2)

אלס א בלויזע ביישפיל פון א חלק פון די זאכן, מיט וואס מען שטויסט זיך כסדר אן ביי די וויין פראדוקציע, איז גענוג צו דערמאנען די זהירות אז די וויין זאל זיין אפגעהיטן פון נגיעות עכו"ם, פון ווען די טרויבן קומען אראפ פונעם בוים ביז נאכן באטלען, א זהירות וואס געוויסע כשרות ארגאניזאציעס זענען מקיל דערינען. דאס זעלבע מוז מען שטיין על המשמר אויף די "טארטאריק עסיד" וואס ווערן אריינגעלייגט אין די וויינען וואס דארף זיין הונדערט פראצענט כשר; און אויך ברויך מען אכט געבן אז די פעסער וואו די וויינען ליגן זאלן נישט האבן קיין בליעות איסור פון יין נסך.

באזונדער ברויך מען שטעלן א דגוש מיוחד ביי די וויינען וועלכע ווערן אימפארטירט פון ארץ ישראל. אויב פארמאגן זיי נישט קיין פארלעסליכע השגחה איז זייער עלול אז די וויין זאל האבן ערנסטע חששות פון ערלה, טבל, און שמיטה.

## בראנפען

כשרות פון בראנפן איז א קאמפליצירטע נושא וואס פאדערט זיך א באזונדערע אריכות.

עס איז גענוג אנצומערקן אייניגע שאלות חמורות וואס פאסירן זייער אפט ביי אלע ערליי בראנפן און וואדקעס, וואס ברענגט ארויף צום אויבערפלאך דאס נחיצות פון זיך באנוצן בלויז מיט אזעלכע בראנפן וועלכע טראגן אויף זיך אן ערליכן חותם הכשרות.

בראנפן וועלכע ווערן פראדוצירט פון תבואות און גערשטן, האבן געוויינליך שאלות פון חמץ שעבר עליו הפסח; אויב ווערן די בראנפן געהאלטן אין וויין פעסער (שערי - קעסקס) מיט'ן ציל צו פארבעסערן דעם טעם, באקומט דאס ריכטיגע בליעות פון יין נסך וועלכע האבן נישט קיין ביטול; דאס זעלבע איז מיט די פארשידנארטיגע "פלעיווארס", וואס ווערן אריינגעלייגט צו פארבעסערן דעם טעם דערפון, וואס קען זיך גרעניצן מיט חששות חמורות.

דער גרויסער זכות פון אפהיטן די גדרי הכשרות כהלכה אין די געהויבענע זמנים, וועט זיכער משפיע זיין אויף אונז אלע א ליכטיגן און פרייליכן תמיד. תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור.

# דבר המערכת

(פארזעצונג פון זייט 1)

דער זהירות וואס מען ברויך האבן ביים קויפן בעיבי סעלמאן פיש, אויך אין געשעפטן מיט גוטע השגחות, און נאך פארשידענע עניני זהירות באכילה וואס האבן ב"ה געשלאגן ווארצלען לטובה און אויפגעטון במידה גדושה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

א ריכטיגע געדאנק איז אונז אנגעוויזן געווארן דורך אידן תלמידי חכמים, אז דער תועלת פון אזא סארט צייטליכע כשרות גליון איז נישט בלויז די ידיעות און ענינים וואס ווערן אויסגעשמועסט בפרטיות, נאר עס אין אלגעמיין, מיט איר עצם ערשיינונג, א ריכטיגע התעוררות אויפ'ן גאנצן ענין פון היטן אויף וואס מען נעמט אריין אין מויל.

עס איז באקאנט די ווארט דמאתמרי' משמי' של הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצוק"ל, אז דער בעסטע מוסר ספר אלס הכנה צו א מצוה איז לערנען די הלכות אין שו"ע בשייכות צו די מצוה. דאס איז צוליב דעם פארשטענדליכן פאקטאר אז ווען מען באקענט זיך מיט די שאלות און הלכות פון די מצוה, קומט דערמיט אויטאמאטיש צו דער אידישער ברען און ווארימקייט צום עצם קיום המצוה.

די זעלבע קען געזאגט ווערן לגבי זהירות בכשרות, וואו דער חוש איז מעיד אז ווען עס איז פאראן אן אינטערעסע און מען הערט איבער די חששות וזהירות פון פראדוקטן און עסנווארג, ברענגט דאס נאטורליך אז מען זאל אינזין האבן וואס מען נעמט אריין אין שטוב און שטיין על המשמר, ביי זיך זעלבסט, נישט נכשל צו ווערן חלילה מיט מפוקפק'דיגע מאכלים אדער הכשרים.

וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', טוט דער איצטיגער גליון באריכן ידיעות נחוצות הנוגעים למעשה בכל עת וזמן. באזונדער זענען באשטימט געווארן עקסטערע אפטיילונגען וועלכע באריכן די ענינים העומדים על הפרק, שטייענדיג שוין אין די חדשים המרבים בשמחה, זיך גרייטנדיג צו די ימי האורה פונעם יום טוב פורים הבאים לקראתינו לשלום.

גלייכצייטיג ווילן מיר מעלדן פאר די חשוב'ע ליינער, אויב האט איר א נושא אין כשרות וועלכע איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, דאן שיקט אריין אייער פארשלאג צו אונז אין אפיס (זעהט אינפארמאציע דף 8).

מיר קוקן ווייטער ארויס צו ברענגען פאר'ן ציבור הע"י, קראנטע אינפארמאציע און אקטועלע פרטים ודינים, לידע ולהודיע, להזהיר ולעורר, לחזק ולהתחזק, ארום אלע סארט כשרות אנגעלעגענהייטן, וחפץ ה' בידנו יצליח.

מערכת "הכשרות"



## מפתח הכשרות:

גלייכצייטיג פראגרעסירט שוין אקטיוו די ארבעט צו ערגענצן און גיין צום דרוק מיט דעם בארימטן "מפתח הכשרות", וועלכע ערשיינט יאר יערליך אין די ערבי פסחים מטעם דעם "מחלקת הכשרות", און שטעלט מיט זיך פאר אן אוצר פאר די אידישע שטוב, מיט אלע וויכטיגע ידיעות נחוצות לימי הפסח.

דער "מפתח הכשרות" האט אין די לעצטע עטליכע יאר ערהאלטן ב"ה א נייע צורה. און ווערט יעדעס יאר פריש איבערגעארבעט מיט אומצאליגע הוספות והערות און נייע ידיעות ופרטים וואס איז נוגע צו יעדע אידישע שטוב. איבערהויפט ווערט אריינגעלייגט א גרינטליכע ארבעט אין דעם בארימטן "פארמאסי ליסטע", וואס אנטהאלט א דעטאלירטע ליסטע פון הונדערטער מעדעצינען און זייער סטאטוס צום יום טוב פסח, וואס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין געוואלדיג נוצבאר לידיעת הציבור.

די עריכה פון אזא פארצווייגטע פראיעקט, איז דעריבער אן ארבעט וואס געדויערט בוכשטעבליך חדשים לאנג, אנגעהויבן באלד אין די ערשטע חדשים פונעם ווינטער. אצינד גרייט מען זיך שוין לברך על המוגמר און גיין צום דרוק ברוב סייעתא דשמיא, דער מפתח הכשרות וועט בעז"ה ערשיינען און זיין צו באקומען אין די געשעפטן קומענדיגן ראש חודש ניסן הבעל"ט.

דא איז טאקע דאס ארט צו ערווענען אז אידן וועלכע האבן סיי וועלכע שאלות, הגהות אדער פערזענליכע עפיזאדן, וואס זענען נוגע און קענען זיין נוצבאר פאר'ן ברייטן ציבור, זאלן זיך פארבינדן דורך פאקס, טעלעפאן, און אימעיל צו די 'מחלקת הכשרות'. מען זאל קענען מעורר זיין את הרבים דערוועגן ולזכות את ישראל.

## חדשות אני מגיד:

מיר באגריסן די געשעפטן און פירמע'ס וועלכע האבן זיך אין די לעצטע וואכן אנגעשלאסן אונטער די השגחה מהודרת פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים".

די פאלגענדע געשעפטן און קאמפאניי'ס זענען אויך אצינד אונטער די השגחה פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות, נאר ווען עס האט אויף זיך דעם חותם הבי"ד. יאכלו ענוים וישבעו.

**New Establishments & companies with CRC supervision.**

פיש געשעפט:

**Cohn Fish Market**
55A Division Ave.
Brooklyn, NY 11249

זאל:

**Ateres Reva Catering Hall**
500 Summer Ave.
Lakewood, NJ 08701

**Appelation- Hard Cider**

מילכיג רעסטאראנט:

**Nu Café 47**
4709 New Utrecht Ave.
Brooklyn, NY 11219
Dairy Café/Restaurant

פליישיג רעסטאראנט:

**Chef Abie**
4726 New Utrecht Ave.
Brooklyn, NY 11219
Fleishig Restaurant

**Gadya Goat Milk**


## מחלקת הכשרות

שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

CENTRAL RABBINICAL
CONGRESS OF USA AND CANADA
85 DIVISION AVE. BROOKLYN,NY 11249
TEL: 718.384.6765 | FAX: 718.486.5574

## מערכת גליון "הכשרות"

TEL: 718.412.8532
FAX: 718.486.5574
EMAIL: HAKASHRUS@GMAIL.COM


איינצושרייבן צו באקומען אונזער גליון אויף אימעיל
שיקט אריין צו די אויבנדערמאנטער אדרעס

Gedank Productions | 718.218.4583